בס״ד

# עונג שבת

## פרשת ויגש תשס״ט

גוט שבת אלע אידן. דער מעשה הייבט זיך אן אין אונגארן בעפאר די צווייטע וועלט מלחמה. עס איז געווען א יונגל וואס האט געהייסן "עזרא." עזרא׳ס טאטע איז געווען א באקאנטער מגיד אין שטאט בודאפעסט. איין טאג איז נסתלק געווארן א שניידער. דער שניידער איז געווען א פשוט׳ער איד, אבער ער איז דאך געווען אן ערליכער איד. דער שניידער׳ס זון משה, וואס האט געארבעט מיט אים אין די געשעפט, איז ליידער נישט געווען אזוי פרום ווי זיין טאטע. אין אמת׳ן אריין, משה איז אינגאנצען פריי געווען. אבער, משה האט געוואלט מכבד זיין זיין טאטען, וועגן דעם איז ער געזיצן שבעה פאר אים.

דורך די שבעה, איז עזרא׳ס טאטע דער מגיד געקומען מנחם אבל זיין דעם שניידער׳ס פרייע זון משה. עזרא, וואס איז דעמאלט געווען ניין יאר אלט, איז געקומען מיט זיין טאטן צו די שבעה. ווען דער מגיד איז אריינגעקומען צו דעם שטוב וואו דער אבל משה איז געזיצן אליינס, איז משה געווארן איבעראשט. יעדער איינער האט געוואוסט אז משה איז אראפ פון אידישן וועג, רח״ל, און קיינער פון די קהלה האט נישט געהאט קיין שייכות מיט אים. דאס וואס דער מגיד האט זיך מטריח געווען צו קומען טרייסטן משה, האט געמאכט א שטארקע איינדרוק אויף משה. דעם נעקסטען טאג, איז דער מגיד געקומען נאכאמאל צו די שבעה. משה איז געבליבן שטיל און ער האט צוגעהערט צו דעם מגיד׳ס ווערטער. "איך מיין אז... פאר דיין טאטע׳ס כבוד... אז, עס וועט זיין א שיינע זאך אויב דו וואלטס געקענט קומען אין שול צו זאגן קדיש." צו דעם עולם׳ס ערשטוינקייט האט משה מסכים געווען דערצו.

דורך די קומענדיגע חדשים איז משה טאקע געקומען דריי מאל א טאג צו זאגן קדיש פאר זיין טאטען. צוביסלעך האט דער מגיד מצליח געווען צו משפיע זיין אויף משה. שפעטער האבן די צוויי אפילו אנגעהויבן צו לערנען צוזאמען. ביז דעם סוף פונעם יאר, איז משה געווארן א פרומער איד, ב״ה.

מיט די צייטן איז משה געווארן א קנאי און ער פלעגט מוסר׳ן די וואס האבן גערעדט אין שול אין מיט׳ן דאווענען וכו׳. משה׳ס ערליכקייט איז געווארן באקאנט. און מענטשן האבן מורא געהאט צו טון א עבירה נעבן אים, ווייל זיי האבן געוואוסט אז משה וועט זיי מוסר׳ן.

צוויי יאר שפעטער זענען די דייטשען ימ״ש אריינגעקומען צו יענע אונגארישע שטעטל, און זיי האבן אוועקגעשיקט א חלק פון די אידן פון דארט צו אן ארבעטסלאגער. צווישן די אידן וואס די דייטשען ימ״ש האבן געחאפט, זענען געווען דער פרומער שניידער משה מיט דעם מגיד און דער מגיד׳ס צוועלף יעריגער זון עזרא. עזרא האט קיינמאל נישט געזען זיין טאטען נאכדעם.

אין די ארבעטסלאגער, האבן זיי געלייגט עזרא אין א שטוב מיט אנדערע קינדער. ליידער זענען די קינדער אין עזרא׳ס שטוב נישט געקומען פון ערליכע משפחות. דער מצב דעמאלט איז געווען גאר שווער. עס איז געווען קאלט, זיי האבן געדארפט ארבייטן שווער, און זיי האבן נישט געהאט וואס צו עסן. צוביסלעך האט עזרא אנגעהויבן צו גליטשן פון אידישן וועג, רח״ל.

ב״ה אז עזרא איז געראטעוועט געווארן פון די מלחמה, אבער זיין אידישקייט האט נעבאך נישט דורכגעלעבט די שווערע צייטן אין די לאגערן. פארשטייט זיך אז עזרא און די אנדערע פליטים האבן אסאך געליטן אין די מלחמה. עס האט גענומען א לאנגע צייט ביז עזרא האט געקענט עסן געהעריגע עסן נאכאמאל, ווייל זיין גוף איז געווארן גאר שוואך פון נישט האבן דעם ריכטיגען עסן אין לאגער וכו׳.

באלד נאך די מלחמה זענען עזרא מיט אנדערע פליטים געשיקט געווארן צו א לאגער פאר פליטים אין אונגארן. די פלאץ איז געמאכט געווארן פאר די פליטים וואס האבן נישט געהאט וואו אהיימצוגיין נאך די מלחמה. די פלאץ איז געווען אויף א הויכע בארג לעבן א שטאט. די איינציגסטע וועג צום שטאט איז געווען דורך א קליינע באן וואס איז געפארן פון דעם בארג אראפ צום שטאט.

עזרא האט געהאט א חבר פון זיין טעג אין די ארבעטסלאגער. דער חבר האט געהייסן "טומאס". איין פרייטאג צו נאכטס, איז טומאס געקומען באזוכן עזרא. יעצט האט יעדער איינער גערופן עזרא מיט זיין גוי׳אישע נאמען "לאזלו". טומאס האט איינגעלאדענט לאזלו צו פארן מיט אים אויף די באן צו דעם שטאט כדי צו גיין אויף א שאפציר. כאטש אפילו לאזלו איז געווען נעבאך אינגאנצן פריי, האט ער נישט גלייך מסכים געווען צו קומען מיט טומאס. ווייל, עס האט פארהאנען אין דעם שאפציר א חילול שבת בפרהסיה, ד״ה פארן אויף א באן. נאך די מלחמה, האט לאזלו געטראכט צו ווערן פרום נאכאמאל. אין די לאגערן אין די מלחמה יארן, האט לאזלו נישט בייגעשטאנען די נסיון צו בלייבן ערליך אין די שווערע מצב. אבער יעצט, נאכדעם וואס די מלחמה האט זיך געענדיגט, האט לאזלו געטראכט אז ער האט שוין נישט קיין תירוץ פארוואס ער זאל נישט זיין פרום. וועגן דעם, האט לאזלו נישט גלייך מסכים געווען צו פארן מיט זיין חבר.

ליידער, לאזלו׳ס יצר הרע האט אים איינגערעדט צו פארן מיט טומאס, און באלד דערנאך זענען די צוויי ארויפגעגאנגען אויף די באן אין שבת קודש, רח״ל. אפילו לאזלו האט מסכים געווען צו פארן אויף די באן, איז ער ארויף אויף די באן מיט גרויס בושה, ווייל זיין יצר הטוב האט אים געזאגט אז ער טוט נישט ריכטיג. לאזלו איז נישט געשטאנען לעבן דעם פענסטער אויפן באן ווייל ער האט געוואלט זיך בעהאלטן כדי קיינער זאל אים נישט זען מחלל שבת.

פלוצלינג, האט לאזלו געזען א מענטש גיין אויפ׳ן גאס. לאזלו האט געקענט דעם פנים פון נאך פאר די מלחמה. לאזלו האט נישט געגלייבט ווער ער האט געזען! מיט זען דעם מענטש איז לאזלו נתעורר געווארן צו טון תשובה און ער איז אראפגעגאנגען פון דעם באן ביי די נעקסטע סטאפ. ער איז צוריקגעגאנגען צו דעם פליטים לאגער. ער איז געווארן אן עכטער בעל תשובה און ער לעבט אלס פרומער איד ביז דעם היינטיגען טאג!

פאר מיר גייען מגלה זיין וועמען לאזלו האט געזען אויפ׳ן גאס, לאמיר אביסל רעדן פון ענינים פון דער מעשה וואס האבן א שייכות מיט דער וואכעדיגער פרשה. די תורה דערציילט די וואך ווי יוסף הצדיק ע״ה האט זיך ענטפלעקט פאר זיינע ברידער. ווען יוסף הצדיק האט גערעדט מיט זיינע ברידער, ער האט דערמאנט די השגחה פרטיות מיט וואס דער אייבערשטער פירט דעם וועלט. יוסף הצדיק זאגט צו זיינע ברידער אז "...ועתה לא אתם שלחתם אתי הנה כי האלקים." (בראשית מה,ח) פון דא זעט מען דעם ענין פון השגחה פרטיות. א איד דארף לעבן מיט דער הכרה אז אלעס איז געפירט פון הימעל מיט א פונקטליכע חשבון. איז לאמיר יעצט משלים זיין אונזער מעשה וועגן השגחה פרטיות...

...עזרא האט געקענט דעם פנים פון נאך פאר די מלחמה. עזרא האט נישט געגלייבט וועמען ער האט געזען! עזרא האט געזען משה דער שניידער, דער איד וואס זיין טאטע דער מגיד האט געמאכט פאר א בעל תשובה!

עזרא האט זיך דערמאנט ווען ער איז געגאנגען אלס יונג קינד מיט זיין טאטען צו מנחם אבל זיין משה, וואס איז דעמאלט פריי געווען. דאן האט עזרא זיך דערמאנט ווי משה איז געווארן א בעל תשובה און ווי ער פלעגט מוסר׳ן מענטשן וואס האבן גערעדט מיט׳ן דאווענען וכו׳. "איך קען קיינמאל נישט לאזן דער איד וואס מיין טאטע האט געמאכט פרום, צו זען אז איך בין געווארן פריי!" מיט די ווערטער איז ער נתעורר געווארן צו טון תשובה.

לאמיר דערקענען די פונקטליכע השגחה פרטיות אין אונזער טאג–טעגליכע לעבן. דורך דעם קענען מיר אלע נתעורר ווערן צו טון דעם רצון הבורא ברוך הוא. **גוט שבת אלע אידן.**

**מזל טוב לכ״ק מרן אדמו״ר שליט״א לרגל שמחת לידת הנינים אצל הנכדים הרה״צ רבי אריה לייביש טייטלבוים שליט״א והרה״צ רבי צבי אלימלך טווערסקי שליט״א, חתנים של בנו הרה״צ רבי אהרן מנחם מענדל שליט״א ושל חתנו הרה״צ רבי אברהם יהושע העשל שליט״א**

**מזל טוב להרה״צ רבי צבי אלימלך האלבערשטאם שליט״א לרגל שמחת הבר מצוה של בנו אלעזר נ״י**

נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)

**נאכדעם וואס מען ענדיגט לערנען אין בית מדרש: לייג צוריק די ספרים! תעשה את המצוה בשלמות!**